# חגא

אינם פּלאָנטערניש פון טאָג צו טאָג
לויפט אַנטקעגן מיר די גאַס
מיט יום־טוב־פרייד און חגא־האָס.
מיט צעהוליעט, נישט באַצווונגען בלוט.
זוי גאַט וואלט ערשט צום ערשטן מאָל
געזאָגט : כי טוב — ס׳איז גוט.
כי טוב — ס׳איז ווויל.

מיט בשורות, פרייד פאַרדויטלט און צעגלאַנצט
לויפט אַנטקעגן מיר די גאַס.
אַ פאַרשיכורטע פון טאַנץ.
אַ פאַרשיכורטע פון האָס.
אַ פאַרשיכורטע פון פרייד.
די פאַרשיכורטקייט צינדט אָן
אויף יעדנס קאָפּ אַ פאָן.

הורך המונישן געדיכטן שטראָם
כ׳הער זיך צו ווי עמיץ רופט :
מאַכט אַ ווארע פאַר פאַגראָם !

איך פאַר מיין טאַטנס גוף
וואָס גייט פון אַ מאַידאַנעק אויף !